STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03625

SEFER HA-MEUSHAR

O. Goldberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר המאושר

הויכע געדאַנקען וועגען אמונה

באַגרינדעט אויף די יסודות פון אידישקייט
פאַר יונג און אַלט

פון

ר' אשר גאָלדבערג

מביאַליסטאָק, פלך גראָדנע

ניו יאָרק, — תרפ"ט

דעם ספר צו באַקומען, לויט פאָלגענדען אַדרעס:
RABBI O. GOLDBERG
135 Sutter Avenue, Brooklyn, N. Y.

נאכדרוק פאַרבאָטען

אַריאַם פרעס, אינק.
234
54 קאַנאַל סט. נ. י.

הסכמות

ב"ה.

הנה בא לפני הרבני המופלג וירא"ב כו' **ר' אשר** גאָלדבערג נ"י, בבקשה לעיין במחברתו אשר רוצה להוציא לאור, נעתרתי לבקשתו, ומעט אשר עיינתי בו מצאתי כי מחשבתו רצויה להשיב לב בנים אל אבותם בדברי מוסר ורעיונות נכבדים המושכים את הלב אשר מיוסדים מדברי חז"ל. וכדאי הוא המחבר הנכבד הישיש הנ"ל לתמכו ולעזור אותו להפיץ רעיונותיו הנכבדים חוצה, וכן להיות לו לעזר לעת זקנתו בתמיכה חומרית כי מכיר אנכי אותו לאיש נכבד ויקר, בעל מדות טובות.

ותקותי, כי בכל מקום בואו ידעו אחב"י להוקיר אותו לפי ערכו, ויתברכו כל התומכים אותו כברכת הכותב לכבוד התורה ולומדיה, יום ג' לסדר ויקהל, כ"ג אדר א' תרפ"ט.

ליפמאן בהר"ר **אלי' ליב** ז"ל **לעווין,**

רב לעדת א"א אנשי ניו לאטם ברוקלין, נ. י.

ומלפנים רב בגרוזב ובמאלאדעטשנא.

ב"ה.

כאשר בא לפני הרבני הישיש המופלג משכיל על דבר אמת וכו' **ר' אשר גאָלדבערג** נ"י וספרו בידו פרי עשתונותיו וראשית בכורי רעיונותיו אשר בדעתו להביאם אל מכבש הדפוס ולהוציאם לאור וכאשר עיינתו בו ומצאתיו שנכבדות מדובר בו ודבריו מיוסדים על דברי חז"ל ומדרשים, ונשענים על רצפת רבותינו הקדמונים בחקירות והגיונות דתיות אשר ההוגה בהם ימצא ביאורים יפים בטוב טעם ודעת וחן ושכל טוב, המושכים את הלב לפי רוח העת והזמן, אשר גם דורנו הצעיר יתענגו

מהם כי אמרי השכל ואמונת חכמים נודף ממנו כבושם, ומצוה לקרבו ולתמכו ולהפיץ מעינותיו חוצה.

כה דברי הכותב לכבוד התורה ולומדיה, נושאיה, מחזיקיה ומכבדיה, יום ב׳ לסדר ויקהל, כ״ב אדר ראשון, שנת תרפ״ט.

יהודא ליב דוואָרזעטץ.

רב ומטיף בניו יאָרק.

ב״ה.

הן בא לפני הרבני המופלג בתורה ויראה טהורה כבוד שמו מהור״ר **אשר גאָלדבערג** נ״י ומחברתו בידו, אחרי אשר נתנו מהודם עליו הגאונים הרבנים הני תרי צנטרא דדהבא הרב ר׳ ליפמאן לעווין והרב ר׳ יהודא ליב דוואָרזיץ. והנה מחברתו נעשה לחבר צאן קדשים אחרי רועם אביהם שבשמים אשר מוציא בלשון המדובר, והם רעיונות טהורים מלב טהור להלהיב לבבות בני ישראל הצעירים צאן קדשים, אשר שתו מי מרים המלאים בחוצות, ורוצה להשקותם מים מתוקים נאמנים מן מעין לא אכזב, כדי שישובו אל ה׳ ויפקחו עיניהם שלא ימששו בסנורים, ואמרתי אהי׳ גם אני סניף לעושי מצוה, כי ה׳ לא ימנע טוב להולכים בתמים.

והנני אומר בזה, יפוצו מעינותיו חוצה לרעות צאן קדשים. ג׳ לסדר **ויברך אותם משה**, לפ״ק.

הכותב והחותם לכבוד התורה,

הרב יעקב לעבאָוויטש

במוהר״ץ ז״ל.

הקדמה

לאדם מערכי לב. אַ רעדנער אָדער אַ מחבר, פאָדערט אייגענע געדאַנקען, אָבער די געדאַנקען מוזען זיין מה׳ מענה לשון דער דרוש אָדער דער חבור, מוז זיין באַהעפט צו דער תורה הקדושה, דורכגעוועבט מיט פסוקים און פון חכמי התלמוד..

בעזר השי״ת, עס איז ביי מיר פאַרטיג נאָך אַ ספר המדות בדרך החקירה, העכער פון הונדערט בלאַט, נאָר צוליעב חסרון כיס ויוקר הדפוס, קאָן איך נאָך דעם ספר ניט אַרויסגעבען. ווי שלמה המלך זאָגט אין קהלת, בני עשות ספרים הרבה אין קץ, בדרך הצחות, מאַך פיל ספרים אָן אַן ענדע, איז אַן עצה פאַר דעם מחבר, מען זאָל ניט אַרויס געבען אַלע ספרים מיט איין מאָל, נאָר ביסלעכוויים, וועט ער קענען מיט דער צייט אַרויסגעבען זיינע אַלע ווערק.

איך רוף מיין ספר מיט׳ן נאָמען **ספר המאושר**, ווייל עס איז געבויעט אויף דעם פסוק אשרו דרך און אויך מיין נאָמען אָשר איז כלול אין דעם.

המחבר.

אשרו דרך

אין פסוק (פרשת תשא) שטעהט ויאמר הראני נא את כבודך. משה רבינו האָט געבעטען דעם באַשעפער, ער זאָל איהם ווייזען דעם כבוד. ויאמר אני אעביר כל טובי על פניך, וקראתי בשם ה׳ לפניך וכו׳, ורחמתי את אשר ארחם, האָט דער באַשעפער געזאָגט, איך וועל רופען מיט דעם נאָמען ה׳ וכו׳, און איך וועל דערבאַרעמען וועמען איך באַדאַרף דערבאַרעמען, והסירותי את כפי, איך וועל אָפּטאָן מיינע הענט, וראית את אחרי, ופני לא יראו, דו וועסט ניט זעהן מיין פנים נאָר דו וועסט זעהן אחרי, פון ענדע.

בעדאַרף מען פאַרשטעהן דעם געדאַנק פון די פסוקים. אין פסוק (פרשת בא) שטעהט, ועברתי בארץ מצרים, זאָגט אויף דעם דער בעל הגדה, אני ולא מלאך וכו׳ ולא אחר.

אין אָווענט ווען איך שלאָף, אַז מען קלאַפּט אין טיר, פרעג איך ווער איז דאָס? ענטפערט מען ניט בעריל, עפען איך ניט. קלאַפּט מען ווייטער, פרעג איך ווער איז דאָס? ענטפערט מען ניט יענקיל, עפען איך ניט. קלאַפּט מען ווייטער, ווער איז דאָס? ענטפערט מען, ניט שמעריל.

דאָס גלייכען אין פסוק שטעהט, ועברתי בארץ מצרים אני, איך וועל איבערפאָהרען אין דעם לאַנד מצרים, וויל איך וויסען ווער וועט איבערפאָהרען? איז דער ענטפער, אני ולא מלאך, איך און ניט קיין מלאך, וויים איך ניט ווער איז דער איך. והכיתי כל בכור אני, איך וועל שלאָגען אַלע עלטסטע, וויל איך ווייטער וויסען ווער איז דאָס דער איך? איז דער ענטפער, אני ולא שרף, איך און ניט קיין ברענענדיגער מלאך. איך וויים אַלץ ניט ווער איז דער איך.

קינדער הויבין אָן טראַכטען אין חדר, ווער איז דער באַשעפער? מיט זייער יונגען שכל קומט ביי זיי אוים, אַז

דער באַשעפער איז זעהר גרויס און הויך ביז דעם הימעל. ווען דער קינד ווערט עלטער, קומט ביי איהם אויס אַז די זון אָדער די לבנה דאָס איז דער באַשעפער. ווען ער קומט צו דעם ריכטיגען פאַרשטאַנד, אַז ער ווערט גרויס, איז ווי דער רמב"ם זאָגט, תכלית הידיעה שלא נדע, וואָס הייסט פאַרשטיין דעם עוויגען? — אַז איך פאַרשטעה אַז איך קאָן גאָר נישט פאַר־שטעהן דעם עוויגען. ווי דוד המלך זאָגט, יושב בסתר עליון, דער באַשעפער איז פאַרבאָרגען פון די געדאַנקען. דער מענש־ליכר געדאַנק קאָן ניט באקלעהרען די ריכטיגע געטליכקייט, מען מוז האָבען נאָר אמונה.

ווען מען זאָגט שמע ישראל מאַכט מען צו די אויגען, אַלס באַווייז אַז מיט דעם מענשליכען קליינעם פאַרשטאַנד קאָן מען גאָר ניט פאַרשטעהן און מען זעהט ניט און מען הערט ניט די געטליכקייט. איך פאַרמאַך די אויגען און איך באַדאַרף גלויבען אַז ה׳ אחד, איין באַשעפער איז דאָ אויף דער וועלט.

היש משכיל דורש את ה׳, צי איז דאָ אַ קלוגער וואָס זאָל מיט זיין פאַרשטאַנד פאַרשטעהן די געטליכקייט? פיהרט אויס דוד המלך — הכל סר יחדיו אין עושה טוב אין גם אחד. ווען איך זאָל טראַכטען נאָר מיט׳ן שכל באַקלעהרען די געטלאַכקייט, וועט דער מענש קיין גוטעם געוויס ניט טאָהן, ער וועט אַראָפּ־געפיהרט ווערען פון גלייכען וועג.

דאָס פיהרט אויס דער בעַל הגדה, אני הוא ולא אחר, אַז דו ווילסט וויסען דעם באַשעפער, באַדאַרפסטו נאָר גלויבען, אַז קיין אַנדער באַשעפער איז ניטאָ, אָבער ווער איז דער באַשעפער? קענסטו ניט פאַרשטעהן. דאָס איז דער געדאַנק, ויאמר הראני נא את כבודך, ווייז מיר דיין כבוד.

דער בעל עקידה זאָגט, עס איז דאָ שכל היולי און שכל הפועלי, שכל היולי ווערט אָנגערופען צום ביישפיל, איינער האָט בעטראַכט אין געדאַנק צו מאַכען אַ מאַשין, און ער האָט נאָך ניט געמאַכט איז גאָר שווער צו פאַרשטעהן דעם שכל פון דער מאַשין, ווי מיר געפינען אין פסוק, וזה מעשה המנורה, דאָס איז די ווערג פון דער מנורה, קומט רש"י הקדוש און זאָגט, דער וואָרט „זה" איז איבעריג, נאָר ווייל משה רבינו איז געווען שוועהר צו פאַרשטעהן די אַרבייט פון דער מנורה, האָט דער

באַשעפער געוויזען משה רבינו אַ פייערדיגע מנורה. דעם שכל היולי איז שווער צו פאַרשטעהן, אָבער דעם שכל הפעולי איז גרינג צו פאַרשטעהן. יענער האָט די מאַשין שוין געמאַכט, קאָן מען פאַרשטעהן ווי די מאַשין איז געמאַכט געוואָרען.

ווען עס איז פאַרוואָלקענט, קאָן איך פאַרשטעהן אַז עס וועט געהן אַ רעגען. דער בלינדער וואָס זעהט ניט דעם וואָלקען, אַז ער שפירט אַז עס געהט אַ רעגען, ווייסט ער אַז פריהער איז געוועזן פאַרוואָלקענט. דאָס ווייסט ער אויך אַז אָהן אַ וואָלקען געהט קיין רעגען ניט.

אַז משה רבינו האָט געוואָלט וויסען די סיבה הראשונה, דעם שכל היולי, ויאמר אני אעביר כל טובי על פניך וקראתי בשם ה׳ לפניך וכו׳ אשר ארחם. ה׳ איז רחמים א׳ איז דין. דער בשעפער האָט געזאָגט צו משה רבינו, דו קענסט וויסען דעם באַשעפער ווען דו וועסט באַטראַכטען מיין גענאַדע אויף דער וועלט ווי איך באַזאָרג מקרני ראם ועד ביצה כנים, פון די גרעסטע באַשעפעניש ביז די קלענסטע מילב, איז יעדער באַשעפעניש באַזאָרגט מיט איהרע געצייג זי זאָל קענען לעבען אויף דער וועלט, ווי מיר זעהען אין פרק שירה, די נאַטור פון אַלע באַשעפענישען איז באַשאַפען געוואָרען אַז זיי זאָלען זיך קאָנען שפייזען.

כל הרוצה לטעות יבא ויטעה, דער וואָס וויל ווערען פאַרבלאָנדזשעט דער ווערט פאַרבלאָנדזשעט, אָבער דער וואָס וויל זיך האַלטען אין אמונה, דער מענש געפינט ריכטיגע געדאַנקען מיט באַווייזע פון געטליכקייט. איז פון די ווערג פון דעם באַשעפער, אַז מען זאָל באַטראַכטען, קאָן מען פאַרשטעהן דעם שכל הפועלי.

ויאמר לא תוכל לראות את פני כי לא יראני האדם וחי, דער באַשעפער האָט געזאָגט צו משה רבינו, דו קענסט ניט זעהן מיין פנים ווייל אַ מענטש קאָן ניט זעהן דעם באַשעפער און ער זאָל בלייבען לעבען, וואָרים נר ה׳ נשמת אדם, די נשמה איז אַ פונק פייער פון באַשעפער, כי חלק ה׳ עמו, דער געטליכער מענש איז אַ טייל פון באַשעפער. ווען איך נעם אַראָפּ אַ קליינעם טהייל פון אַ גרויסע שטיק, איז די קליינע טהייל גלייך צו דער גרויסער. למשל, ווען איך האַק עס אַראָפּ פון האָלץ,

איז דאָס האָלץ, ווען איך האַק אַראָפּ אַ שטיק גאָלד פון גאָלד, איז דאָס גאָלד, אַז חלק ה׳ עמו. און דער באַשעפער איז אש באורה, אַ ברענענדיגער פייער, איז די נשמה אויך פייער.

מיתת נשיקה, דער צדיק וואָס ער איז ווערט, שטאַרבט ער ניט דורך דעם מלאך המות, נאָר ער קריגט אַ קוש פון באַשעפער. דער געדאַנק איז, דער קלענערער טייל ווערט בטל צום גרויסען טייל. אַז מען האַלט אַ פייער איבער אַ ברענענדיגע ליכט, זעהט מען די ליכט ווערט פאַרלאָשען, פאַר וואָס איז דאָס? דער גרעסער פייער ציהט אָפּ דעם קלענערען פייער.

אין דער נאַטור איז, אַז מען עסט פיש נאכהער אַז מען נעהמט שנאַפּס, איז דער שנאַפּס שטאַרקער. פאַר וואָס ווערט דער שנאַפּס שטאַרקער נאָך פיש? ווייל די פיש איז איהר אָרט אין וואַסער. געפינט זיך אין די פיש דער יסוד המים, איז ווען מען עסט פריהער פיש נאכהער ווען עס קומט אַריין אין מויל דער שנאַפּס, ציט אָפּ די פיש דעם גאַנצען יסוד המים פון דעם שנאַפּס ווערט דאָס שטאַרק.

און דאָס איז מיתת נשיקה, אַז דער באַשעפער באַווייזט זיך צום צדיק, ווערט בטל די נשמה, דער קליינער פייער צו דעם גרויסען פייער פון באַשעפער. און דאָס איז דער געדאַנק, כי לא יראני האדם וחי. ווען מען זעהט דעם באַשעפער קאָן מען ניט בלייבען לעבען. און דער געדאַנק איז ווידער, לראות את פני, די סיבה הראשונה, דעם שכל היולי, קענסטו ניט וויסען, דאָס איז דער געדאַנק וראית את אחרי ופני לא יראו. דו קענסט מעהר ניט וויסען דעם באַשעפער נאָר פון דער ענדע, אַז דו זעהסט די ווערג פון באַשעפער, דעם שכל הפועלי, ופני לא יראו, אָבער דעם שכל היולי, די סיבה הראשונה קענסטו ניט וויסען.

דאָס איז דער געדאַנק וואָס ירמי׳ הנביא זאָגט, אל יתהלל חכם בחכמתו ואל יתהלל גבור בגבורתו ואל יתהלל עשיר בעשרו, דער חכם קאָן זיך ניט באַריהמען און דער גבור קאָן זיך ניט באַריהמען און דער רייכער קאָן זיך ניט באַריהמען, כי אם בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי, מיט דעם קאָן מען זיך יאָ באַריהמען אַז ער וויים דעם באַשעפער, כי אני ה׳ עושה חסד ומשפט וצדקה בארץ, איז דאָך אַ פראַגע, ווער קאָן דאָס זאָגען, אַז ער ווייסט דעם באַשעפער? געטליכקייט איז דאָך נאָר אמונה צו גלויבען אָהן אַ שכל?

נאָר ווי מיר רעדען דאָ דעם געדאַנק, קומט אוים זעהר גוט. פון דעם וואָס מיר זעהען עושה חסד, ער טהוט די גנאדע אויף דער וועלט, ומשפט די ריכט. וואָס מען זעהט פיעל מאָהל געטליכע ריכט, וצדקה בארץ, מיר זעהען פיעל גוטע געצאָהלט פון באַשעפער, איז דאָס שכל הפועלי, איז פון די ווערג פון באַשעפער, קאָן דער מענטש פאַרשטעהן געטליכקייט.

דאָס זאָגט דוד המלך, מה רבו מעשיך ה׳ כולם בחכמה עשית מלאה הארץ קנינך. עס איז פיעל די ווערג פון באַשעפער, און אַלעם איז מיט קלוגשאַפט באַשאַפען, און עס איז פיעל די וועלט.

די נאַטור-פאַרשער זאָגען, אַז יעדער רבוי, די זאַך וואָס מען זעהט זעהר פיעל קאָן ניט זיין איין טראַף. אַז מיר זעהען אַזא גרויסע וועלט מיט אַזוי פיעל מענשען, מיט אַזוי פיעל באַשעפע־נישען אויף דער וועלט, איז דאָס פאַרשטענדליך אַז דאָס איז אַ געטליכע וועלט.

דאָס איז דער געדאַנק מה רבו מעשיך ה׳, פון דעם רבוי פאַרשטעהט מען, אַז דאָס איז געטליכקייט. ווען איך האָב געפונען אַ פאַפיר אָנגעשריבען ווערטער, איך לעז, זע איך, אַז עס איז געשריבען געוואָרען מיט גרוים קלוגשאַפט, איז פאַר־שטענדליך אַז אַ קלוגער שרייבער האָט דאָס געשריבען. ווען טינט וואָלט זיך בלויז דערויף אויסגעגאָסען, וואָלט קיין קלוגע ווערטער ניט געשריבען געוואָרען.

כולם בחכמה עשית, אַז מיר זעהען אַז די וועלט איז באַ־שאַפען געוואָרען מיט קלוגשאַפט, איז דאָך פאַרשטענדליך אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס ער האָט אַלעם באַשאַפען אין דעם גרעסטען אָרדענונג. יעדער טראַף, יעדער מיקרי קאָן ניט זיין מיט איין אָרדענונג.

מלאה הארץ קנינך, אַז די וועלט איז פול, איז פאַרשטענד־ליך אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער. וואָרים יעדער מיקרי, יעדער טראַף זאָגען אַלע נאַטור-פאַרשער, אַז אייביג קאָן קיין מיקרי ניט אָפהאַלטען, דאָס מוז אונטערגעהן, און מיר זעהען און מיר ווייסען אַז די וועלט מיט די אַלע באַשעפענישען, פון דער קליינער מילב ביז דעם גרויסען עלעפאַנד פעלט ניט פון די אַלע

באשעפענישען, איז פארשטענדליך אז עס איז עפעס נאר דא א געטליכע קראפט וואס האט אלעס באשאפען. דאס איז דער געדאנק מלאה הארץ קנינך, ווען מיר זעהען אז די וועלט איז פול מיט די אלע באשעפענישען, עס פעהלט ניט קיין באשעפעניש, עס געהט גאר ניט אונטער. פארשטעה איך אז די וועלט האט א געטליכען פיהרער, וואס פיהרט די וועלט מיט די אלע ברואים.

דוד המלך זאגט, אשרי אדם עוז לו בך מסילות בלבבם, גוט איז דעם מענשען וואס ער האלט זיך מיט שטארקייט אן באשעפער, שטעגען אין זייערע הערצער. וואס איז עפעס מיט לשון רבים, פיל וועגען? און לשון רבים פיל הערצער? איבער־הויפט דער מענש וואס ער איז ניט געלערענט, ניט אנגעלעזען, איז ניט קיין גרויסקייט אז ער איז א מאמין א גלויבער. דאס איז א גרויסקייט ווען דער מענש וואס האט פיעל פארשטאנד, איז פיעל באלעזען אין ספרים, געוויינלאך שטעלט זיך איהם פאר אין געדאנק פיעל פראגעס און קאן ניט געפינען קיין ענט־פער, און דאך קומט ער צום פארשטאנד אז מען מוז גלויבען, און ער בארעכענט זיך. דאס מיינט מען מסילות, פיעל געדאנ־קען, בלבבם, דאס הייסט אזוי ווי צוויי הערצער. אז זיין שכל איז ווינציג צו באטראכטען די געטליכקייט. דען אמונה דארף זיין אזוי ווי יעדער שווערע זאך וואס ער פארשטעהט ניט.

ווען ער ווייסט ניט עפעס א שווערע זאך אין די רייד פון די חכמי התלמוד, וועט ער געווים ניט זאגען אז די רייד פון די חכמי התלמוד, אדער די רייד פון די לעצטע גרויסע מענשען איז ביי קיינעם ניט פארשטענליך. ווייסט ער אז געווים איז פאראן פיעל וואס זענען גרעסער פאר איהם וואס זיי וועלען יא פארשטעהן.

ווי מען דערצעהלט, אז א חתן האט מען אמאל געגעבען א לייענען, דער מחותן האט איהם געשיקט א פארהערער, ער זאל פארהערען דעם חתן, ווי גרויס ער איז אין לערנען, אויב דער חתן איז ווערטה מען זאל איהם געבען אזא גרויסען נדן. דער חתן האט געקלעהרט און גזעהן אז ער פארשטעהט ניט די גמרא, האט ער גענומען א מעסער און אויסגעשניטען די גאנצע שטיק בלאט וואס ער האט ניט פארשטאנען. ווען דער פאר־הערער האט איהם געפרעגט, זאל זיין אז דאס וואס ער פאר־

טשעהט ניט, האָט ער שוין באַדאַרפט אַרויסשניידען, אָבער אויף דער אַנדערער זייט איז דאָך גוט ? האָט דער קלוגער חתן געענטפערט, אוי לרשע ואוי לשכנו, דאָס הייסט אַז ווען אויף דער זייט איז ניט גוט, מוז שוין ליידען די צווייטע זייט אויך, מוז מען שוין אינגאַנצען אויס שניידען.

דאָס איז דאָך גערעדט פון מענשען אָהן פאַרשטאַנד. דער מענש וואָס האָט אַביסעל גלייכען פאַרשטאַנד, ווערט ער זיך אַליין ניט לאָזען נאַרען, אַז ער קאָן אַלעס פאַרשטעהן. ער באַדאַרף אַליין וויסען אַז עס איז דאָ גרעסערע געלערנטע פאַר איהם, דער פעהלער איז דאָס ווי שלמה המלך זאָגט, חכמת אדם תאיר פניו ועוז פניו ישונה, די קלוגשאַפט פון מענשען באַלייכט דעם פנים.

איבערהויפט, צו באַרעכענען דער פריי-דענקער ווי מען רופט איהם ביי יעצטיגער צייט, איז דער נאָמען אַליין, באַדאַרף ער זיך באַטראַכטען, איז דער רעכענונג גאָר גלייכער און בעסער ער זאָל זיין אַ גלויבער, אַ מאמין, ווייל ער אַליין ווייסט אַז ער קאָן ניט באַטראַכטען די ריכטיגקייט, נאָר ער איז אַ פריי-דענקער, ער דענקט נאָר עפּעס אַז עס איז אַלעס פריי. און דענקען מיינט, ער טראַכט מעהר ניט, אָבער ער ווייסט ניט מיט'ן שכל, וואָרים אין אמונה מוז מען נאָר גלויבען, אָהן פאַר-שטאַנד.

דער גרעסטער פעהלער איז פון די פרייע, וואָס פון אונזערע גרויסע מענשען פון די חכמי התלמוד, און די אויפקלעהרונג פון דער תורה הקדושה, און פון די אַלע גרעסטע מענשען וואָס האָבען געשריבען זייערע געדאַנקען אַלעס אַרויסגענומען פון דער תורה הקדושה, ווי דער רמב"ם און נאָך אונזערע גרויסע מענשען, עפּעס פון אונזערע גרויסע מענשען ווילען די פריי-דענקער ניט וויסען. זיי וויסען דאָך אַז זיי זענען געווען גרויסע געלערענטע אין אַלעס. וואָס איז אָבער ביי זיי דער פעהלער ? ווייל זייערע גרויסע געדאַנקען זענען געבויט נאָך די געזעצע פון דער תורה הקדושה, אָבער וואָס נעהמען זיי אָן די ווערטער וואָס די פריי-דענקער, די געלערענטע וואָס זענען געווים ניט גלייך צו אונזערע גדולים, אונזערע גרויסע מענשען, וואָס דאָס איז גאָר פאַרשטענדליך, אַז די אַלע וואָס האָבען אַרויסגעגעבען

די פרייע געדאַנקען אין זשאַרגאָן צום מעהרסטען קאָן דאָס אפילו גאָר דער פּראָסטער פאַרשטעהן, און די געדאַנקען וואָס אונזערע גרויסע האָבען אַרויסגעגעבען, איז גאָר שווערער צו פאַרשטעהן.

דאָס זאָגט שלמה המלך, חכמת אדם תאיר פניו, די חכמה וואָס אַ מענש האָט אַרויסגעגעבען וועלכע איז ניט אַרויסגע־דרונגען פון דער תורה, דאָס לייכט דעם פנים, דאָס קאָן עפּעס גאָר אָנגענומען ווערען, גאָר אָהן שווערקייט, עפּעס דער פּראָסטער מענש מיטן קליינעם פאַרשטאַנד, ער נעהמט דאָס זעהר אָן מיט שמחה, עפּעס אַזוי ווי עס לייכט ביי איהם דער פנים. ועוז, דאָס מיינט מען די תורה הקדושה, ווי מיר געפינען אין פסוק שטעהט, ה׳ עוז לעמו יתן, איז עוז מיינט מען די תורה הקדושה, פניו ישונה, דאַן ווערט זיין פנים פאַרענדערט, אַזוי ווי ער זעהט עפּעס געשריבען אין אַ ספר, אָדער די רייד וואָס ער הערט איז דורכגעוועבט מיט די געזעצע פון דער תורה הקדושה, דאָ איז שוין זיין פנים פאַרענדערט, עפּעס עס גלוסט איהם גאָר ניט אָנצונעהמען די רייד, וואָס עס איז מיט דעם געדאַנק פון דער תורה.

ישעי׳ הנביא זאָגט, הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות עגלה חטאה, וויי געשריען, זיי ציען דעם עון דעם זינד מיט דעם פאַלשען שטריק, און נאכהער אַזוי ווי אַ גראָבען שטריק פון אַ וואָגען איז דער חטא.

געוועהנליך איז עון אַ גרעסערע זינד ווי חטאה. חטא איז אַן אומגערענע זינד און עון איז אַ זינד במזיד, האָט דאָך באַ־דאַרפט שטעהן חטא און דערנאָך עון.

אַמאָל אסתר תענית, בין איך גראַדע אַריין געקומען צו איינעם אין הויז, זעה איך ווי אַ יונגער מאַן עסט זעהר פרעהליך, פרעג איך ביי איהם, יונגער מאַן! עס איז דאָך היינט אסתר תענית מען באַדאַרף דאָך היינט פאַסטען! ענטפערט ער מיר, איך נעם ניט אָן דעם תענית. עפּעס מיר געפעלט גאָר ניט ווי אונזער מרדכי דער צדיק האָט געהאַנדעלט. ער הויבט אָן גע־פינען אַ פעהלער אויף מרדכי׳ן. עפּעס זאָגט ער, מרדכי האָט זיך ניט בעדאַרפט איינשפּאַרען ניט צו פאָלגען דעם מלך אחשורוש און איינשטעלען דאָס גאַנצע פאָלק אין געפאַהר.

ווי מיר ווייסען, בשפת עברית איז אדם אַ מענש, איש אַ מענש, גבר אַ מענש, אנוש אַ מענש. די חז"ל, די חכמי התלמוד זאָגען אתם קרויים אדם, ולא אומות העולם קרוין אדם. האָט איינער פון די חכמי אומות העולם געפרעגט, וואָס הייסט, איהר ווערט אַנגערופען אדם, אָבער אַלע פעלקער ווערען ניט אָנגע־רופען אדם? וואָס הייסט עפּעס נאָר איהר זייט מענשען? האָט מען איהם געענטפערט זעהר אַ ריכטיגען ענטפער: ווייל איש (א מענש) אין לשון רבים איז אישים, אנוש אין לשון רבים, איז אנשים, גבר בלשון רבים איז גברים, אָבער אדם אין לשון רבים איז נישטאָ קיין וואָרט דאַפיר. דעם וואָרט אָדם אין פיעל קען מען ניט זאָגען, דאָס איז גאָר פשוט פאַרוואָס רופט מען אדם, דער מקור (שורש) מאדמה פון די ערד, און די ערד איז נאָר איינע ניט פיעל. איז דורך דעם ווערט דער איד אָנגע־רופען אדם ווייל ער איז גלייך ווי אַלע אידען, איין מענש. און איבער דעם איז כל ישראל ערבין זה לזה. איין איד מוז שטעהן זעהר שטאַרק פאַרן צווייטען. וואָרים ווען מען געפינט עפּעס אָן אומרעכט אויף דעם יחיד, ווערט גערעכענט מיט גרוים האָס דאָס גאַנצע פאָלק אידען, מען משפּט דעם אידען פון פרט אויפ'ן כלל.

דוד המלך זאָגט לולי ד' שהי' לנו בקום עלינו אדם, דער באַשעפער העלפט אונז אַרוים ווען מען שטעהט אויף די אידען צו דריקען זיי צוליעב דעם וואָס מיר זענען אָנגערופען אדם, דאָס גאַנצע פאָלק אַזוי ווי איין מענש.

ביי די יעצטיגע צייט איז געוואָרען די וועלט עפּעס זעהר געלערענט, איידעל, אָבער ווען מען זאָל לעזען די אידישע היס־טאָריע, וועט מען געפינען אַז אין פיל ערטער האָט מען זעהר גע־דריקט און געצוואונגען די אידען אַלם צוליעב וואָס מען האָט זיי גערעכענט ניט פאַר קיין פיינע מענשען. ווען איינער האָט נאָר פון די אידען שלעכטס געטאָהן, אָדער ווען מען האָט נאָר גע־טראַכט אַז דער איינצעלנער איד האָט עפּעס געזינדיגט, אַזוי גלייך איז מען באַפאַלען דאָס גאַנצע פאָלק אידען.

דער יונגער מאַן זאָגט זיין פאַרשטאַנד אַז ער וויל פון אסתר תענית ניט האַלטען, עפּעס אַזוי איז איהם איינגעפאַלען אין געדאַנק. בין איך געקומען גראַדע צו דעם אייגענעם יונגען־מאַן

אין אָווענט צו דער סעודת פורים. זעה איך דער יונגער מאַן איז גאָר פרעהליך, לוסטיק, ער איז טאַקע מקיים די גמרא חייב אדם לבסומא בפוריא, מען איז מחויב טאַקע פורים צו נעהמען עפּעס משקה, אַז מען זאָל ווערען גאָר פאַר׳שיכור׳ט, דער יונגער מאַן באַטראַכט מיט פריילִיכקייט די שלוח מנות, עפּעס זעהר פיינע פּרעזענטען האָט מען איהם געשיקט.

הכלל איך פרעג איהם ולשמחה מה זה? וואָס איז עפּעס ביי איהם פאַר אַ פרייד? דו האָסט דאָך עפּעס געזאָגט פריער אַז דו ווילסט ניט האַלטען פון תענית אסתר, עפּעס מרדכי הצדיק האָט ביי דיר גאָר ניט אויסגענומען, און ער האָט באַדאַרפט אַנדערש האַנדלען?

דער ענטפער זיינער איז געווען, יעצט האָב איך זיך באַ־רעכענט אַז מרדכי איז געווען גערעכט, ווייל, זאָגט ער מיר, מען באַדאַרף ניט זיין ביי זיך געפאַלען פאַר אַ נידעריגען מענשען. המן איז געווען זעהר אַ נידעריגער מענש, גאָר זעהר פּראָסט אין כאַראַקטער, איך האָב זיך באַרעכענט אַז מרדכי איז טאַקע געווען גערעכט.

עס איז פאַרשטענדליך אַז איבערהויפּט ליגט אין דער נאַטור פון מענשען, אַז דאָס וואָס איהם גלוסט זיך שטעלט איהם דער יצר הרע פאַר אַז דאָס איז אַ מצוה, ווי מיר ווייסען, דער שופט, דער ריכטער טאָהר ניט נעהמען קיין שוחד, אונטערקויף־געלד, ווען אפילו דער ריכטער וועט זיך באַטראַכטען, ער וויל מיר געבען אַ פּרעזענט, איך וועל ניט קוקען אויף זיין פּרעזענט, דעם משפּט וועל איך משפּט׳ן זעהר ריכטיג, איך וועל ניט קוקען אויף דער מתנה, אויף דעם פּרעזענט וואָס ער גיט מיר, זאָגט אָבער דער פּסוק לא תקח שוחד כי השוחד יעור עיני פיקחים. מען טאָר ניט נעהמען קיין שוחד, אַז מען נעהמט די שטעק־געלט, קאָן מען גאָר ניט זעהן צו ריכטען דעם אמת, דען עס קומט אוים ביי איהם, אַז פון דעם דאָזיגען וואָס ער האָט גע־קראָגען די מתנה, דער איז גאָר גערעכט.

דאָס גלייכען, יעדער מענש זוכט איבערהויפּט צו נאָכגעבען זיינע געפיהלען, זיינע גלוסטיקייט, ווי די חכמי התלמוד זאָגען, אדם מורה היתר לעצמו. עפּעס אַז עס איז אַ טובה פאַר איהם, זוכט ער עפּעס אַ היתר, עס שטעלט זיך איהם פאַר אַז ער מעג טאַקע דאָס טאָהן.

אין כלל, אַז מען זאָל גוט באַטראַכטען איז, יעדערער פאַר־שטעהט אַז אמונה, גלויבען אין אַלעס וואָס די הייליגע תורה האָט אָנגעזאָגט, און דאָס וואָס ווערט געבראַכט אין די חכמי התלמוד, און אַלעס ווי אונזערע עלטערן האָבען זיך געפיהרט בעדאַרפען מיר אַלעס גלויבען און מיר מוזען גלויבען, און דער וואָס גלויבט ניט, איז די גרעסטע נאַרישקייט

עס איז פונקט ווי אַן אָרימער מענש האָט ניט געוואָלט גלויבען גראדע דעם רייכען מאַן וואָס עס איז באַוואוסט זיין רייכקייט צו אַלע מענשען.

אַזעלכע גרויסע מענשען וואָס האָבען זיך געפונען, וואָס זיי האָבען אַוועקגעגעבען דעם לעבען פאַר דער אמונה, איז די גרעסטע נאַרישקייט אַז קליינע מענשעלאַך מיט קליינע קעפע־לאַך, מיט גאָר קליינע קענטעניס זאָלען ניט וועלען גלויבען די באַוואוסטע גרויסע מענשען. איז דאָס איז ניט פון די השכלה, ניט ווייל מיט דעם פאַרשטאַנד האָבען זיי באַקלעהרט, נאָר די ריכטיגקייט ווייל זיי האָבען זיך געוואָלט צופרידען שטעלען זייערע תאוות זייערע גלוסטיגקייט, איז ביי זיי אויסגעקומען אַז דער געדאַנק איז זעהר ריכטיג.

דאָס זאָגט ישעי׳ הנביא, הוי מושכי העון בחבלי השוא, דער מענש שלעפט אַרויף גאָר אַ גרויסע זינד, גאָר מיט אַ פאַלשען נאַרישען רעכענונג, וכעבות העגלה חטאה, אָבער דער סוף איז פון דעם נאַרישען געדאַנק קומט אַרויס גאָר די גרעסטע זינד. איבערהויפט נאָר דער מענש זעהט וואָס עס איז זיין טובה, קומט ביי איהם אויס, אַז עס איז ריכטיג זיינע געדאַנקען, וועגען ערפילען זיין גלוסטיקייט.

אין פסוק (פ׳ בהעלותך) שטעהט, וברדת הטל על המחנה לילה ירד המן עליו, והעם בכה למשפחתיו, זאָגט רש״י הקדוש אויף דעם פסוק למשפחתיו, על עסקי העריות, זיי האָבען גע־וויינט, אַז מען זאָל זיי מתיר זיין אחותו, צו נעהמען אַ שוועס־טער, דודתו, מען זאָל מעגען נעהמען אַ טאַנטע. איז ניט פאַר־שטענדליך, וואָס פאַר אַ געדאַנק האָט דאָס? דער פסוק דער־צעהלט, דאָס דער מן האָט גענידערט אויף די טוי, און די אידען האָבען געוואָלט מען זאָל זיי מתיר זיין עריות, אַ שוועס־טער, און נאָענטע פריינד.

אַז מען שלינגט אַראָפּ דעם עסען געהט אַריין דער עסען אין מאָגען. דער עסען ווערט איבערגעקאָכט אין מאָגען, די פסולת,

די גראָבע עסען געהט אַרויס פון קערפּער פון די זאַפּט פון די פּסולת ווערט בלוט. די פראָסטע תאוות, די גראָבע גלוסטיגקייט וואָס געפינט זיך אין מענשען איז פון די שלעכטע בלוט, וואָס עס ווערט פון די פּסולת.

אין יעדער זאַך געפינט זיך 4 יסודות: עפר, רוח, אש, מים — ערד, ווינט, פייער, וואַסער. ערד האָט ממשות, מען קאָן דאָס אָנגעהמען, מען פיהלט עס אין האַנד, איך לייג אַריין אַ שטיין אין וואַסער מאַכט דאָס וואַסער אַן אָרט און דער שטיין געהט אַראָפּ. איך שטעל צו וואַסער צו קאָכען, קאָכט זיך אויס די וואַסער, עס בלייבט ווייניגער וואַסער ווייל עס האָט זיך אויסגעקאָכט און עס איז פאַרבליבען אין די פּאַרע. אין יסוד הרוח. אַ באַווייז אַז מען האַלט אַ גלאָז איבער דער פּאַרע, הויבט אָן צו רינען פון גלאָז טראָפּענס וואַסער.

דאָס איז דער געדאַנק, וברדת הטל על המחנה וכו׳ ירד המן עליו, איז דער מן געגאַנגען אויף דעם טל, די טוי, און דער מן איז ניט אַריין אין טוי, איז דאָך אַ צייכען אַז דער מן איז אַזאַ אַן איידעלער עסען אַז אין מן געפינט זיך גאָר ניט קיין יסוד עפר, און דער רמב״ם זאָגט, אַז די תאוות וואָס געפינען זיך אין מענשען איז פון די שלעכטע בלוט, וואָס ווערט פון די פּסולת פון דעם עסען. אָבער מען זעהט דאָך אַז דער מן איז אַזוי איידעל, אַז עס געפינט זיך גאָר ניט אין מן קיין סימן פון יסוד עפר, קאָן דאָך קיין פּיעל תאוות זיך ניט געפינען, איז איבער דעם בכה למשפחתיו, זיי האָבען געוואָלט אַז מען זאָל זיי מתיר זיין שוועסטער, אַלע נאָענטע פריינד.

נאָר געוועהנליך דער טעם פון עריות, קען דער מענש אין גאַנצען ניט פאַרשטעהן, זעהט מען דערפון, אַז ווען מען האָט תאוות, גלוסטיגקייט, קאָן מען טאָהן די גרעסטע פאַרברעכען, גאָר אַלס השכלה, אַלס אויפגעקלעהרטער. דורך השכלה האָבען זיי געוואָלט נעהמען די נאָענטע פריינד.

אין פּסוק שטעהט הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט, די ווערק פון באַשעפער איז גאַנץ, אַלע זיינע וועגען איז רעכט, דאָס הייסט אמת.

אין טהעאַטער, ווען מען זעהט די ערשטע סצענעס, קאָן מען ניט וויסען וואָס די לעצטע סצענעס וועלען פאַרשטעלען, אָבער אַז מען זעהט אַלע סצענעס, קאָן מען וויסען אַלעס. דאָס גלייכען דער מענש מיט זיין ווינציג פאַרשטאַנד, מיט די

ווינציג יאָהרען וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, איז איהם ניט מעגליך צו פאַרשטעהן, די ווערג פון באַשעפער.

דאָס איז דער געדאַנק, הצור תמים פעלו, די ווערג פון באַשעפער איז ריכטיג, נאָר אין אָנפאַנג שטעלט זיך פאַר פראַגעס, דער ענטפער איז, כי כל דרכיו משפט, אַלע זיינע וועגען זיינען ריכטיג. ווען מען זעהט אַלעס פון אָנפאַנג ביז דער ענדע. אָבער דער שטערבליכער מענש מיט זיינע ווינציג יאָהרען, וואָס האָט ווינציג קרעפטען ווינציג פארשטאַנד קאָן אַלעס ניט פאַרשטעהן.

איך בין געוועזן אין וואַלד, איך זעה ווי איינער האקט די בוימער, דער צווייטער מאַכט ברעטער, דער דריטער מאַכט גלאַט די ברעטער, דער פערטער מאַכט לעכער אין די ברעטער. איז ביי מיר אַ פראַגע, אין טהייערע ברעטער מאַכט מען גאָר לעכער? איך קום צו מאָרגענס, איך זעה אין די לעכער איז צוגעבונדען אַ שטריק און מען מאַכט גאָר אַ שיף. יעצט פאַר־שטעה איך אַלעס איז ריכטיג געמאַכט געוואָרען מיט פאַר־שטאַנד.

צו באַטראַכטען פיעל פראַגעס וואָס מיט איין ענטפער ווערט פאַרענטפערט אַלעס.

צוויי זיהן האָט יצחק געהאַט, יעקב ועשו. יצחק האָט געוואָלט איבערגעבען די ברכות נאָר זיין זוהן עשו, ניט זיין זוהן יעקב. עס איז דאָך אַ פראַגע, יצחק האָט דאָך באַדאַרפט גיכער איבערגעבען די ברכות צו זיין זוהן יעקב. און די מוטער רבקה האָט געליעבט איהר זוהן יעקב מעהר .פון זוהן עשו און יעקב קעהרט איבער דעם פעלץ און נאַרט אויס די ברכות פון ברודער עשו. יעקב דער איש תם יושב אוהלים, דער גרויסער לערנער וואָס זיצט אין בית המדרש פון שם ועבר געהט ניט מיט׳ן אמת, אויסגענאַרט די ברכות פון ברודער. עשו ווערט אין כעס אויפ׳ן ברודער, און יעקב מאַכט די הפטורה ויברח יעקב, אַוועק געלאָפען צו לבן׳ען, געאַרבייט זיבען יאָהר פאַר רחל׳ן. יעקב אַזאַ איין געראַטענער יונגער מאַן, דער גרוי־סער העלד, דער גבור, וואָס ער האָט אַליין געקאָנט אַראָפּ נעהמען אַ גרויסען שטיין, דער גרויסער פאַרשוין, וואָס די חכמי התלמוד זאָגען שופרי דיעקב די שיינקייט פון יעקב איז גע־גליכען צו אדם הראשון, און דער גרויסער געלערענטער. ביי יעצטיגער צייט קען מען גאָר ניט זיך פאַרשטעלען וואָס פאַר אַ שידוך וואָלט געטאָהן אַזאַ געראָטענער יונגער מאַן!

יעקב נעמט ניט קיין נדן, ארבייט נאָך זיבען יאָהר, און לבן בלאָפט איהם נאָך אָפּ און גיט איהם נאָך ניט רחל׳ען נאָר לאה׳ן. יעקב האָט ווייטער געארבייט ביי זיין שווער לבן, און ווייטער גענומען נאָך אַ פרוי וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבען, ווי עס שטעהט אין פסוק, ויבא גם אל רחל ויאהב גם את רחל מלאה, ער איז געקומען צו דער פרוי רחל, און ער האָט געליעבט רחל׳ען אויך און מעהר פון לאה׳ן. איז דאָך אַ פראַגע, אַז איך זאָג דעם האָב איך ליעב, און יענעם האָב איך אויך ליעב, דער וואָרט „אויך״ הייסט דאָך, אַז די ליעבשאַפט איז קלענער. און ווייטער שטעהט אין פסוק, מלאה, מעהר פון לאה׳ן?

ביי יעצטיקע, געוועהנליך יעדערער קוקט גיכער פאַר זיך, ווי איינער האָט געזאָגט צו אַ שדכן, ער פאָדערט אַ שידוך פאַר זיין זוהן, ערשטענס, מיט פיעל געלד, צווייטענס, אַ פאַרשוין, דריטענס גרויסען יחוס. פרעגט איהם דער שדכן, פאַרוואָס איז זיין פאָדערונג עפּעס אַזוי? ענטפערט ער, איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, ער מוז האָבען פיעל געלד, ווייל דער חתן איז זעהר אָרים, פעהלט איהם טאַקע געלד. דער חתן איז זעהר ניט פיין, מוז ער האָבען צום ווייניגסטען די פרוי זאָל זיין שעהן, פיליכט וועלען די קינדער זיין געראָטען אין די מוטער, און אַזוי ווי דער חתן איז גאָר קיין יחסן ניט, זאָל זיין יחוס צום ווייניגסטענס פון דער מוטערס צד.

געוועהנליך, ביז מען קומט צום פאַרשטאַנד אַז מיט אַלע מעלות קאָן מען קיין שידוך ניט געפינען, נאָר אין כלל ווערט געפעלען דער שידוך וואָס עס איז פאַראַן פיל געלד, אָבער דער חתן האָט גראָד זיך געזעהן עפּעס מיט איין כלה אַ יפת תואר, דער פעהלער איז אָבער עס איז ניטאָ קיין געלד, ווערט ביי איהם פאַרט אָפּגעשטימט צו טאָהן דעם געלטלאָבען שידוך וואָס איז ניט אַזוי שעהן. איז דער שטייגער פון די יעצטיגע חתנים אַז זיי טראַכטען מיט זאָרג וועגען די שידוכים וואָס ער האָט געזעהן עפּעס שעהנערע.

דאָס דערצעהלט דער פסוק, אַז יעקב אבינו איז געוועזן זעהר איידעל, זעהר אָרענטלאָך מיט איין אמת, יעקב האָט דאָך געאַרבייט פאַר זיין פרוי רחל, און דער גוטער שווער לבן האָט איהם אָפּגענאַרט, און געגעבען לאה׳ן, וואָס ער האָט זי ניט געגליכען, פון דעסטוועגען ווען יעקב האָט גענומען לאה׳ן, האָט ער גאָר ניט געדענקט וועגען רחל׳ען, ער האָט געוואוסט אַז

לאה איז זיין פרוי און ניט קיין אַנדערע, נאָר ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט רחל׳ען אויך, וואָרים אַמאָל האָט מען גע־מעגט חתונה האָבען מיט נאָך פרויען, דאַמאָלסט איז ערשט אַנגעקומען די אהבה, די ליעבשאַפט צו דער פרוי רחל, און צו דער פרוי רחל איז געווען גרעסער די ליעבשאַפט, און דאָס האָט ער געמעגט, דען רחל איז דאָך יעצט אויך זיין פרוי.

די ווערטער ליגען ריכטיג אין דעם פסוק, ויבא גם אל רחל, ווען יעקב איז געקומען צו רחל׳ען אויך, ויאהב גם את רחל, יעצט איז אַנגעקומען די ליעבשאַפט צו רחל׳ען אויך, אָבער פריהער פאַר דער חתונה מיט רחל׳ען, האָט יעקב גאָר פאַר־געסען פון רחל׳ען. מלאה, אָבער יעצט איז די אהבה צו רחל׳ען גרעסער ווי צו לאה׳ן.

יעקב האָט קינדער פון לאה׳ן און רחל האָט ניט קיין קינדער, ביז וואַנען עס איז געקומען די גוטע צייט רחל האָט אויך צוויי קינדער. עפעס די ליעבשאַפט צו די קינדער איז ניט גוועען גלייך, זיין זוהן יוסף איז געווען ליעבלאַכער פון אַלע קינדער, ער האָט איהם געמאַכט אַ כתונת פסים אַ זיידען העמדעל.

איז דאָך אַ פראַגע, אונזער פאָטער יעקב האָט ניט באַ־דאַרפט ווייזען קיין ליעבשאַפט צו איין קינד מעהר פון אַלע קינדער ! די ברידער זענען געוואָרען גרויסע פיינט צו זייער ברודער יוסף, אַז זיי האָבען איהם פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, איז דאָך אויך אַ פראַגע, די ברידער וואָס זענען אַלע געווען צדיקים, ווי קומט אַז צוליעב דער כתונת הפסים, צוליעב דער זיידענער העמדעל, זאָלען זיי פאַרקויפען אַ ברודער ? אַ גרויסע פראַגע אויף ברידער צדיקים.

ווען ער איז אַנגעקומען קיין מצרים, האָט זיך גראדע גע־טראָפען מען האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף יוסף׳ן און איהם אַריינגעזעצט אין פריזאָן. דעם שר המשקים און דעם שר האופים האָט מען אויך אַריינגעזעצט אין פריזאָן. יוסף איז זיי פותר חלום, נאכהער פרעה מלך מצרים האָט זיך גע׳חלומ׳ט און יוסף האָט דעם מלך באַשיידט דעם חלום, נאכהער האָט ער געמאַכט יוסף׳ן פאַר אַ געוועלטיגער אין מצרים, נאכהער איז געווען אַ גרויס געדעטעניש, נאכהער אַ גרויסער הונגער, און יוסף מיט זיין גרויסען פאַרשטאַנד האָט געפיהרט די ביזנעס, פאַרקויפט די ברויט אין גרעסטען אָרדענונג, אַז עס זאָל איבער

געגעבען ווערען די ברויט נאָר צו די מענשען וואָס פאָדערען איינצושטילען דעם הונגער.

אין פסוק שטעהט, ויאמר פרעה לכו אל יוסף אשר יאמר לכם תעשו. פרעה האָט געזאָגט צו די מצריים געהט צו יוסף׳ן, וואָס ער וועט אייך זאָגען זאָלט איהר טאָהן, קומט רש״י הקדוש און זאָגט, אַז ווען יוסף הייסט אייך זיך מל זיין, זיך באַשניידען, מוזט איהר פאָלגען. איז דאָך אַ פראַגע, איש אחד בא לגור וישפוט שפוט ? יוסף אַ פרעמדער, זאָל גאָר הייסען זיך מל זיין ווען מען בעט ביי איהם ברויט אויף צו עסען ?

געוועהנליך איז פאָרגעקומען, עס זענען אָנגעקומען פיעל מצריים מיט זעק, זיי האָבען דערצעהלט יוסף׳ן אַז זיי פאָדערען גאָר פיעל ברויט, דען זיי האָבען גרויסע פאַמיליעס, מען מוז איינשטילען דעם הונגער. צו וויסען דעם אמת, האָט יוסף זיי געזאָגט זיי זאָלען זיך מל זיין, זיך באַשניידען. איז דער וואָס האָט טאַקע זעהר געהונגערט, האָט ער זיך געלאָזט באַשניידען, און דער וואָס האָט זיך ניט זעהר גענעטהיגט אין די ברויט, איז ער אַוועק מיט ליידיגען. ניט גענומען קיין ברויט.

פרעה האָט פאַרשטאַנען דעם גדאַנק פון יוסף׳ן, אַז ער מוז אַזוי טאָהן, כדי מען זאָל ניט צונעהמען די ברויט אַזוי געשווינד, נאָר עס זאָל אַריינפאַלען די ברויט צו די באַ-דערפטיגע, האָט ער אויך געזאָגט צו די מצריים, איהר מוזט פאָלגען יוסף׳ן.

און מיט דעם פאַרשטאַנד פון יוסף׳ן, איז געווען דער פאַר-קויפען די ברויט, מיט אַזאַ איין אָרדענונג, אַז עס איז נאָך געווען פאַר פרעמדע, ניט קיין מצריים האָבען אויך געקראָגען צו קויפען ברויט.

נאכהער זענען אָנגעקומען יוסף׳ס ברידער און געקויפט ברויט אין מצרים, און נאכהער האָבען זיי זיך דערקענט מיט זייער ברודער יוסף, נאכהער איז דער פאָטער יעקב אָנגעקומען אין מצרים.

נאכהער אין אַ צייט אַרום זענען די אידען געוואָרען פאַר-שקלאַפט ביי די מצרים, און עס איז געוואָרען גלות מצרים ביז וואנען זיי זענען אויסגעלייזט געוואָרען פון די מצריים מיט די גרעסטע ניסים, די גרעסטע וואונדער, וואו עס איז געווען איבער דער נאַטור.

ווי די חכמי התלמוד זאָגען, אַז די וואונדער, די געטליכ־קייט וואָס אַ שפחה, אַ פּראָסטע דינסט האָט געזעהן, האָבען דאָס די נביאים ניט געזעהן. געוועהנליך אַלע האָבען דאָך געזעהן עפּעס גרויסע וואונדער איבער דער נאַטור, ווי עס שטעהט אין פּסוק ויאמינו בד׳ ובמשה עבדו. זיי האָבען גע־גלויבט אין באַשעפער און אין משה רבינו, אַז משה איז דער קנעכט פון דעם באַשעפער.

געוועהנליך אין יעדען דור, אין יעדער צייט, געפינט זיך אויפגעקלעהרטע וואָס ווילען ניט גלויבען, נאָר מיט׳ן שכל, מיט׳ן פאַרשטאַנד, זיי האָבען אָבער געזעהן מיט די אויגען אַלע וואונדער האָבען זיי שוין אַלע געגלויבט.

און דאָס איז פאַרשטענדליך די זאַך וואָס עס איז פאַר־שריבען אין דער תורה הקדושה, און דערצו איז דאָ אַ פאַקט אַז מיר ווייסען דאָס פון אונזערע אור אור עלטערען, די גאַנצע געשיכטע פון יציאת מצרים, דאָס הייסט, בירושה האָבען מיר פון אונזערע עלטערען, און עס איז אַ חזקה, און מיט׳ן פאַר־שטאַנד, אַז יעדער ירושה פון עלטערען איז אַלעם אמת וואָס מען גיט איבער צו קינדער, און בפרט חוץ דעם פאַרשטאַנד מוזען מיר זיך נאָר פאַלאָזען אויף אמונה.

ווי מיר האָבען פריער גערעדט, האָבען מיר דאָ אָנגעפרעגט פיעל פראַגעס, וואָס עס איז פאַרגעקומען פון דער צייט וואָס אונזער זיידע האָט געהאַט יעקב און עשו, ביז די אידען זענען אַרויס געגאַנגען פון גלות מצרים, איז איין ענטפער אויף די אַלע פראַגעס און עס קאָן זיין נאָך אייניגע פראגעס וואָס איך האָב ניט געפרעגט, וועלען פאַרענטפערט ווערען מיט דעם תירוץ.

דער ענטפער איז: אונזער זיידע אברהם אבינו, האָט זיך געזעהען מיט דעם באַשעפער, געמאַכט אַ קאָנטראַקט, אַן אַג־רימענט, ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה וכו׳ ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, מען וועט אַרבעטען מיט די אידען 400 יאָהר, נאכהער וועלען זיי אַרויס געהן פון דעם לאַנד מיט גרוים רייכ־קייט. איז אום צו מאַכען דער אַגרימענט זאָל זיין פּינקטלאַך, ריכטיג, האָט יצחק בעדאַרפט איבערגעבען די ברכות צו זיין זוהן עשו, און יעקב זאָל אויסנאַרען די ברכות, און עשו ווערט שטאַרק אין כעס אויף זיין ברודער יעקב, מוז ער אַוועקלויפען. און יעקב נעמט צוויי פרויען און גיט זיין זוהן יוסף אַ כתונת פּסים, אַ זיידען העמדעל און די ברידער פאַרט ניט פון איין

טאַטען און מאַמען, נאָר יוסף אַ ברודער פון 1 טאַטען פון כעם ווערט ער פאַרקויפט אין מצרים. ביז וואנען דער פאָטער יעקב איז אויך אָנגעקומען אין מצרים צוליעב זיין זוהן יוסף. און נאכהער ווערט אַ גלות מצרים און נאכהער ווערען די אידען אויסגעלייזט פון גלות מצרים און טאַקע ארוים ברכוש גדול. אַרוים פון מצרים מיט גרויסע רייכקייט. ריכטיג מקיים געווען אַזוי ווי דער אַגרימענט איז געמאַכט געוואָרען.

געקומען אַ מאַן פון שוהל און געזאָגט, איך וויל ניט זיין קיין אָרענטלאַכער מענש, ווייל איך האָב געהערט ווי דער חזן האָט געזאָגט, שומר ה׳ את כל אוהביו ואת כל הרשעים. דער עווינער היט די ליעבהאָבער און די רשעים. צו וואָס זאָל איך זיין אַ צדיק, דען עס איז דאָך גלייך אַ צדיק און אַ רשע. ענט־פערט מען איהם געה נאָך אַמאָל, ועסטו ווייטער הערען.

ער קומט ווייטער, זאָגט ער, עס לוינט ניט זיין קיין צדיק. יעצט האָב איך געהערט, את כל אוהביו ואת כל הרשעים ישמיד. די ליעבהאבער מיט די רשעים וועט ער פאַרטיליגען. הער איך דאָך ווייטער עפּעס. אַז די צדיקים זענען גלייך מיט די רשעים. ענטפערט מען איהם. גיי און זיי פון אָנפאַנג ביז דער ענדע.

קומט ער און זאָגט, יעצט וויל איך טאַקע זיין נאָר אַ צדיק. איך האָב געהערט יעצט, שומר ה׳ את כל אוהביו. דער באַ־שעפער היט די ליעבהאבער. דאָס מיינט די צדיקים. ואת כל הרשעים ישמיד, און די רשעים וועט ער פאַרטיליגען.

דעם ערשטען מאָהל האָט ער געהערט בלויז דעם אָנפאַנג און די ענדע האָט ער ניט געהערט. דעם צווייטען מאָהל האָט ער געהערט נאָר די ענדע, דעם אָנפאַנג האָט ער ניט געהערט, איז איהם געווען אַ פראַגע. דעם דריטען מאָהל האָט ער גע־הערט דעם אָנפאַנג און די ענדע, איז איהם שוין קיין פראַגע ניט געווען.

איז פאַרשטענדליך, אַ מענש מוז זעהן פון אָנפאַנג ביז דער ענדע.

איבער דעם איז די געטליכע ווערג, ניט מעגליך צו פאַר־שטעהן. איזהו חכם הרואה את הנולד, זאָגען די חכמי התלמוד, ווער איז גערעכענט אַ קלוגער, אַז ער פאַרשטעהט פון אָנפאַנג וואָס עס וועט זיין די ענדע. מיט׳ן פאַרשטאַנד קאָן אַ מענש וויסען די ענדע.

צו חכמה איז ניטאָ קיין גרענעץ. דער מאַן האָט חכמה, דער צווייטער האָט נאָך מעהר קלוגשאַפט.

מיר זעהען די גרויסע שאך שפּיעלער מיט איין גאַנג באַרעכענט ער אויף וויפיעל גאַנגען שפּעטער. גאָר דער גרויסער שאך שפּיעלער קאָן שוין גאָר באַרעכענען מיט זיין שאַרפען קאָפּ אויף דעם לעצטען גאַנג.

דער פאָטער טראָגט דעם קינד אויפ׳ן האַנד. געהט מיט׳ן קינד דורך אַ גאָרטען. דאָס קינד וויל אָפּרייסען די בלומען, ער ווייסט ניט אַז שפּעטער וועט פון דעם אָרויס וואקסען עפּעס אַ פיינע זאַך. דער פאָטער אָבער, באַרעכענט די ענדע.

מיר זעהען ביי דעם מענשען בייטען זיך די געדאַנקען. דאָס קליינע קינד זאָגט אַ חכמה, אַלע זענען צופריעדען, עפּעס זעהר אַ קלוג קינד. מיר זעהען אויפ׳ן פּייפּער די קינדערשע גלייכע ווערטלעך, שטעהט אַלע טאָג אין צייטונג, כמעט איין טאָג ניט אויסגעפעהלט. פאַר וואָס ? ווייל יעדע זאַך וואָס אַ קינד זאָגט איז אַ חכמה. דאָס זעלבע ווען עס זאָל עס זאָגען אַ גרעסערע קינד, ווערט דאָס גערעכענט ניט פאַר קיין קלוגע קינד. און ווען דאָס זעלבע זאָל אָבער זאָגען גאָר אַ גרויסער מענש, ווערט ער גאָר גערעכענט פאַר אַ שוטה, גאָר אָהן פאַרשטאַנד.

ביי דעם מענשען איז דער פאַרשטאַנד זעהר ווינציג, בכלל ובפרט, קעגען די ווערג פון באַשעפער.

שלמה המלך זאָגט, כי גבוה מעל גבוה שומר, וגבוהים עליהם, (קהלת ק׳ ה׳, פ׳ ז׳) דאָס הייסט דער באַשעפער וואָס ער ווערט אָנגערופען שומר ישראל, ער איז דער חכם וואָס ער קאָן וויסען דעם נולד, די ענדע. וגבוהים עליהם, פון די גרעסטע פאַרשטענדליכע, איז נאָר דער באַשעפער איבער זיי. דער גרעסטער ווי מיר זאָגען אין יגדל, מביט לסוף דבר בקדמותו. דער עוויגער, ער זעהט די ענדע פון אַלע זאַכען באַלד פון אָנפאַנג פון יעדער זאַך.

דער תנא זאָגט אין אבות, דע מה למעלה ממך, עין רואה ואוזן שומעת, וכל מעשיך בספר נכתבים, דו זאָלסט וויסען וואָס איז איבער דיר, די וועלט איז ניט הפקר, דאָס אויג זעהט, דאָס אויער הערט און אלעס ווערט פאַרשריבען אין אַ ספר. איז דאָך דער „ממך” איבעריג.

הגאון הצדיק בעהמ"ח ספר חפץ חיים, זאָגט דיעזען געדאַנק. געוועהנליך, ביי יעצטיגע צייט, ווי דברי חז"ל זאָגען בעקבי דמשיחה מינות יסגא, בעקבי מיינט די טריט, די צייט וואָס עס איז נאָענט דער קומען פון מלך המשיח, וועט זיין פיעל אפיקורסות. דער פעהלער, וואָס מען וויל אַלעס פאַרשטעהן מיט'ן שכל. מיר גלויבען אַז דער באַשעפער זעהט אַלעס, יעצטיגע מענשען ווילען פאַרשטעהן, ווי אַרום קאָן מען אַלעס זעהן?

לאָמיר זעהן מיט'ן אויג קען מ'ען זעהן און מיט מיין פאַר־שטאַנד קאָן איך ניט פאַרשטעהן די חוש הראיה, ווי אַרום דיין אויג זעהט, ווי אַזוי קענסטו פאַרשטעהן די געטליכע אויג.

דאָס איז דער געדאַנק, דע מה למעלה, דו ווילסט וויסען וואָס איז אין דער הויך, ממך, פון דיר קענסטו וויסען, עין רואה, דאָס אויג זעהט און דיין שכל איז ווינציג, דו פאַר־שטעהסט ניט ווארום דיין אויג זעהט, קענסטו גלויבען אַז עס איז דאָ אַ געטליכע אויג. דער אויער הערט, דורך דעם טעלעפאָן ווערט פאַרגרעסערט דער חוש השמיעה, אַז מען קען הערען גאַר פון ווייט, און דעם שכל ווייסטו ניט ווי אַזוי דיין אייגען אויער הערט, באַדאַרפסטו גלויבען אַז עס איז דאָ אַ געטליכער אויער וואָס דו קענסט גאַר ניט פאַרשטעהן.

מיט דעם קראַפט פון פאָנאָגראַף, ווערט פאַרשריבען דער דבור, די רייד, די שטימע פונקט ווי ער זאָל יעצט רעדען, דעם שכל ווייסט ער ניט, טאָ ווי ווילסטו וויסען ווי אַזוי עס ווערט פאַרשריבען דעם מענשענס ווערג אויף אייביג.

דאָס איז דער געדאַנק פון וכל מעשיך בספר נכתבים, אַז דיינע אייגענע מ'עשים ווערט פאַרשריבען. דורך דעם פאָנאָגראַף ווערט פאַרשריבען דיין דבור, קאָן מען גלויבען, אַז דיינע מעשים ווערען פאַרשריבען. ווי דער רמב"ם זאָגט, יודע כל מעשה בני אדם, וכל מחשבותם, דער באַשעפער ווייסט די ווערג פון די מענשען און ווייסט די געדאַנקען פון די מענשען.

דאָס זאָגט דוד המלך, הנוטע אוזן, הלא ישמע, אם יוצר עין, הלא יביט, אַז דער באַשעפער האָט באַשאַפען דעם מענשען מיט אַ חוש השמיעה, ער הערט און פאַרשטעהט ניט, ווי אַרום דער אויער הערט, באַדאַרף דער מענש ניט זוכען מיט'ן שכל דעם געטליכען אויער. דער מענש זעהט און פאַרשטעהט ניט

מיט׳ן שכל ווי אַרום ער זעהט, באַדאַרף ער דאָך ניט זוכען מיט׳ן פאַרשטאַנד, די געטליכע אויג.

די חכמי התלמוד, אין חגיגה זאָגען, ושמא תאמר מי מיעד בי,אבני ביתו של אדם מעידין בו, שנאמר אבן מקיר תזעק, וכפים מעץ יעננה, טאָמער וועסטו טראַכטען, ווער וועלען זיין די עדות צום יום הדין, דען מען קאָן דאָך ניט באַשטראָפען אָהן עדות? דער שטיין פון וואַנט וועט זיין דער עדות, דאָס האָלץ וואָס געפינט זיך אין הויז וועט זיין דער עדות.

יעצט איז געוואָרען די חכמה פון פאָטאָגראַפיע. מען פאָ־טאָגראָפירט דעם מענשען, אַלעס קאָן מען פאָטאָגראַפירען נאַטירלאַך. זאָגען ספרים הקדושים, ווען דער מענש האָט גע־טאָהן עפּעס אַ פאַרברעכען, ווערט פאַרשריבען מיט אַ פאָטאָ־גראַפיע דער פאַרברעכען, די עבירה, מיט׳ן סימן, לעם דיזען שטיין אָדער לעם די שטיקעל האָלץ. צוזאַמען ווערט אַראָפּ־גענומען אַ פאָטאָגראַף, און דאָס איז דער עדות. מען ווייזט איהם די גאַנצע פיקטשע, מיט דער עבירה צוזאַמען פאָטאָ־גראַפירט.

דאָס איז געדאַנק, ביי יוסף הצדיק, ולא שמע אליה לשכב אצלה להיות עמה. יוסף האָט ניט געוואָלט הערען אשת פוטיפר. ברענגט רש״י הקדוש, דעם געדאָפּעלטען וואָרט, לשכב אצלה, און להיות עמה: לשכב אצלה, בעולם הזה. להיות עמה, בעולם הבא. דעם אצלה מיינט מען בעולם הזה, אויף דער וועלט. להיות עמה, מיינט מען אויף יענער וועלט צו זיין. עס וואָלט געווען ניט קיין פיינע פיקטשע, ניט קיין פיינע פאָטאָ־גראַפיע, וד״ל...

דאָס איז דער געדאַנק, אבני ביתו של אדם מעידים בו, די שטיינער פון זיין הויז זאָגען עדות, די האָלץ פון הויז זאָגען עדות. עס ווערט אַראָפּגענומען די פיקטשע מיט דעם אָרט וואו ער האָט געטאָהן די עבירה.

עס איז פאַראַן אַ מדרש פליאה, אמרי נא אחותי את, אברהם האָט געזאָגט צו זיין פרוי שרה, זי זאָל זאָגען אַז זי איז זיינע אַ שוועסטער, מכאן ששוחטין לחולה בשבת, פון דעם איז געדרונגען אַז מען מעג שעכטען פאַר אַ חולה בשבת. איז וואָס פאַר אַ געדראַנג איז דאָס? ווי אַזוי איז דאָס געדרונגען פון דעם וואָס אברהם האָט געזאָגט זי זאָל זאָגען אַז זי איז אַ

שוועסטער איז דערפון געדרונגען אַז מען מעג שעכטען פאַר א חולה אום שבת?

דער ר"ן פרעגט אין מס׳ יומא, למה שוחטין בשביל חולה בשבת, היינו בשביל חולה מסוכן שצריך לאכול בשר, יותר טוב להאכילו נבלה אם יש. כי בנבלה רק איסור לאו, ושחיטה בשבת הלא איסור סקילה הוא. ותירץ, איברא, דאיסור נבילה הוא איסור לאו, אבל אם נצרך לחולה כמה זיתים, יעבור על כמה לאוין, כי על כל כזית יעבור על לאו. מוטב שיעבור עבירה אחת חמורה, ולא יעבור כמה עבירות קלות. דער ר"ן פרעגט, פאַר וואָס זאָל מען מעגען שעכטען אום שבת פאַר אַ קראַנקען, ווען מען קריגט טריפה פלייש. עס איז דאָך גלייכער מען זאָל דעם קראַנקען געבען טריפה פלייש, וואָרים שעכטען אום שבת, איז דאָך די פאַרברעך גרעסער ווי געבען טריפה פלייש? נאָר דער ענטפער איז, שעכטען אום שבת איז טאַקע די עבירה גרויס, אָבער ער וועט דאָך מעהר ווי איין מאָהל ניט שעכטען, אָבער געבען טריפה פלייש, איז אויף יעדער שטיקעל פלייש וואָס דער חולה וועט עסען, וועט ער טאָהן פיעל עבירות.

ועתה ביאור המדרש יבא על נכון. דלכאורה קשה, למה נתיירא אברהם שיהרגו אותו ויקחו את שרה, מפני שאסור להם אשת איש, הלא גם על שפיכת דמים מצווים בני נח, ואיך יהרגו אותו? אך על שפיכת דמים לא יעברו רק פעם אחת, אבל באיסור אשת איש יעברו כמה פעמים. מזה מוכח דיותר טוב לעבור עבירה חמורה פעם אחת מלעבור עבירה קלה כמה פעמים.

וזה דברי המדרש, אמרי נא אחותי את, שהיה מתיירא שמא יהרגו אותו, וקשה הלא שפ"ד גם כן אסור להם. אלא ודאי שיותר טוב לעבור עבירה חמורה פעם אחת מלעבור עבירה קלה כמה פעמים, מכאן ששוחטין לחולה בשבת, אף ששחיטה איסור סקילה, מכל מקום לא יעבור רק פעם אחת, מלהאכילו נבלות ויעבור על כל זית.

יעצט איז דער מדרש זעהר גוט, וואָרים, וואָס האָט אברהם אבינו זיך געשראָקען, אַז די מצריים וועלען איהם טייטען, פאַר וואָס, ווייל זיי וועלען ניט זיין מיט אַ פרוי וואָס האָט אַ מאַן? איז דאָך דער׳הרג׳ענען אַ מענשען גרעסער דער פאַר־ברעך ווי צו זיין מיט אַ פרוי וואָס האָט אַ מאַן? נאָר אברהם האָט גערעכענט אַז מען וועט איהם הרג׳ענען, וועט מען איין

מאָהל טאָהן אַ פאַרברעך, אָבער צו זיין מיט אַ פרוי וואָס האָט אַ מאַן, וועלען זיי טאָהן די פאַרברעך אַ סך מאָהל, איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז עס איז גלייכער צו שעכטען אום שבת, וואָס דאָס איז אַ גרויסער פאַרברעכען, אָבער נאָר איין מאָהל, און געבען עסען טריפה פלייש, איז דאָך פיעל עבירות.

דאָס קומט אויס, ווי די חכמי התלמוד זאָגען, גדולה עבירה לשמה ממצוה שלא לשמה, ווען מען טהוט אַ פאַרברעך, וועגען דעם געדאַנק צו פאָלגען דעם באַשעפער, ווי מיר רעדען דאָ, שעכטען אום שבת, בכדי ניט עסען פיעל מאָהל טריפה פלייש, אַזוי ווי מיר געפינען, עת לעשות לה׳ הפרו תורתך, ווען מען טוט פאַר דעם באַשעפער, מעג מען אַמאָל פאַרבויגען אַ דין פון דער תורה, נאָר איבערהויפּט בעדאַרף מען זיך גוט באַטראַכטען, אויב דאָס איז באמת אַן עבירה לשמה, פון וועגען דעם באַשעפער.

די חכמי התלמוד זאָגען, אל תצדק הרבה, דו זאָלסט ניט זיין צו פיעל צדיק. געוויס מעג אַ מענש זיך האַלטען גרעסער ווי אַ צדיק. ער מעג זיך האַלטען פון דער מדרגה חסיד, וואָס חסיד מיינט ער טהוט לפנים משורת הדין, ווי די חכמי התלמוד זאָגען לא חרבה ירושלים אלא שהעמידו דיניהם על דברי תורה, און זיי האָבען ניט געטאָהן איבער׳ן דין. נאָר מיט יושר, איידעלקייט.

נאָר אל תצדק הרבה, מיינט ניט אַז דער מענש פאַר זיך אַליין זאָל ער זיך ניט פיהרען מיט צופיעל גערעכטיגקייט, האָט דאָך בעדאַרפען שטעהן, צדיק הרבה, ניט תצטדק הרבה, מיינט קען זיין פון צווייטען בעדאַרף מען ניט פאַרלאַנגען פיעל גערעכטיגקייט, דאָס מיינט תצטדק הרבה, פאָדער ניט פון צווייטען צופיעל גערעכטיגקייט.

בדרך הצחות, אַ גלייך וואָרט, והיה כאשר תריד ופרקת עולו מעל צוואריך. עס איז דאָ תרי״ג מצות, אָבער והיה כאשר תריד באַטרעפט 614 ווען דו וועסט נאָך אַליין צו לייגען אַ מצוה. וועט ווערען ניט תרי״ג נאָר תרי״ד 614 מצות. איבערהויפּט דער יצר הרע שטעלט דעם מענשען פאַר אַ געדאַנק צו טאָהן אַ מצוה, וואָס דאָס איז גאָר אַן עבירה. לרוב ווערט דעם מענשען פאַרשטעלט דער רעכענונג . אַמאָל קומט אויס ביי אַ מענשען, עס איז אַ מצוה יענעם צו טאָהן שלעכטעס, ווייל יענער איז ניט קיין צדיק, דאָס הייסט ער נעמט זיך אָן קנאת ה׳ צבאות

דאָס זאָגט מען אַן אל תצדיק הרבה, פאַרלאַנג ניט פון דעם צווייטען צופיעל צדקות.

ווי מיר האָבען דורכגערעדט, איז גלייכער צו טאָהן אַן עבירה חמורה, אַ גרויסע עבירה נאָר איינע, איידער צו טאָהן פיעל קלענער פאַרברעכען.

עס איז דאָ אַ חידה, אַ פראַגע, דען אַ שב ואל תעשה, דאָס הייסט ווען מען איז ניט מקיים קיין מצוה, וואָס מען בעדאַרף איהר טאָהן, איז דער פאַרברעכען ניט קיין גרויסער. עס איז דאָ אַזאַ מצות עשה, וואָס ווען ער האָט די מצוה ניט געטאָהן, איז דאָס פון די גרעסטע פאַרברעכען. דאָס איז די מצוה להאמין בד׳, עס איז אַ מצוה צו גלויבען אין באַשעפער, האָבען אמונה, און אַז ער איז ביי דער מצוה פון אמונה אַ שב ואל תעשה, דאָס ער גלויבט ניט, איז דאָס גאָר פון די גרעסטע פאַרברעכען. למשל, די טריין, די באַהן, געהט און עס שטעלט זיך אָפּ, איין וואַגאָן איז דער רוס, דער וואַגאָן נאָר געבליבען שטעהן, אָבער די איבעריגע געהען אַוועק. ווען אָבער עס האָט זיך אָפּגעשטעלט, למשל מען האָט אָפּגעטשעפּעט דעם לאָקאָמאָטיף, וואָס עס געפינט זיך דאָרט די וואַסער מיט דעם פייער און די פּאַרע, דאַמאָלס וועט די גאַנצע טריין אַלע וואַגאָנעס פאַרבלייבען שטעהן.

לדור ודור אמונתך כוננת ארץ ותעמוד. צדיק באמונתו יחי׳. ווען עס איז אַראָפּ די אמונה, איז דאַמאָלסט די אַלע מצות ווערען ביי איהם אָפּגעשטעלט, איהם איז שוין זעהר שווער צו טאָהן אַ מצוה.

דאָס איז דער געדאַנק אין פסוק, כי אמרתי רק אין יראת א׳ במקום הזה והרגוני על דבר אשתי. וואָרים אין פסוק שטעהט פריהער, ויאמר אבימלך אל אברהם, מה ראית כי עשית את הדבר הזה, אבימלך האָט געפרעגט צו אברהם, וואָס האָסטו געזעהען, עפּעס ביי מיר אין לאַנד פאַר אַ פאַרברעכען, וואָס דו האָסט זיך געשראָקען אַז מען וועט דיך דער׳הרג׳ענען? דאַכט מיר, עפּעס מיינע מענשען זענען זעהר איידעל אין כאַראַקטער, מען זעהט ניט קיין בייז פון מיינע מענשען? ויאמר אברהם וכו׳ דבר אשתי.

אברהם האָט געענטפערט צו אבימלך, איך זעה דאָס דיינע מענשען זענען ניט קיין גלויבער אין באַשעפער, און דער וואָס האָט ניט קיין אמונה אין באַשעפער, מעג ער זיין איידעל

אין כאראַקטער, פון דעסטוועגען קען דער מענש אַמאָל אַ מענ־שען דער׳הרג׳ענען. דען דער וואָס איז ניט קיין ,גלויבער שטעלט ער נאָר אויף זיין פארשטאַנד, קאָן אַמאָל ביי איהם אויסקומען מיט זיין שכל, אַז דעם מענשען איז גאָר זעהר גלייך מען זאָל איהם אָפּראַמען פון וועג, מען זאָל איהם טייטען.

מיר געפינען דער תנא זאָגט אין אבות, ובורח מן העבירה, דער „ה" פון העבירה, וואָרים ה׳ איז ידוע, באוויים וואָס באַ־וואוסט. מיינט דער תנא אפילו פון דער באוואוסטער עבירה, דאָס מיינט די עבירה לשמה וואָס מען טהוט אַן עבירה, וועגען צו פאָלגען דעם באַשעפער, זאָלסטו אויך נאָר זיך אָפּהיטען פון עבירות, נאָר זוכען וואָס מעהר מצות. וואָרים מיט׳ן שכל קאָן אַ מענש אַמאָל גאָר מאַכען אַ טעות אין רעכענונג.

און ווידער זאָגט באַלד דער תנא אין אבות ששכר מצוה, מצוה. ושכר עבירה, עבירה.

ווי מיר האָבען פריהער גערעדט, אַז פיעל גרינגע עבירות איז ערגער ווי איין עבירה אַ הארבע. איז מיט דעם רעכענונג אַז ער זאָל זיך אָפּהיטען פון צו טאָהן אַן עבירה לשמה, דערפאַר, ווייל איינם ברענגט נאָך די צווייטע. דערפאַר מוז אַ מענש נאָר אַוועק געהן פון עבירה, און נאָר זעהן צו טאָהן מצות. און ווען קאָן דאָס אַלעס זיין, נאָר ווען די ערשטע זאַך איז אמונה.

די חכמי התלמוד זאָגען, איזו דרך טובה שידבק בה האדם, מען הויבט אָן באַטראַכטען ווי אַזוי זאָל דער מענש זיך אויפ־פיהרען אויף דער וועלט? דער זאָגט אַזוי, דער זאָגט אַנדערש, רבי אלעזר אומר לב טוב, ער זאָגט אַ גוטע הארץ, און עס איז אַזוי פאַרבליבען אַז דאָס בעסטע איז אַ גוט הארץ. חולי הנפש, איז אַזוי ווי חולת הגוף. די גייסטליכע שוואַכקייט איז אַזוי ווי קערפּערליכע שוואַכקייט. די אַלע גלידער פון מענשען, אַז זיי זענען שוואַך, איז ניט אַזוי געפעהרליך ווי די שוואַכקייט פון הארץ, ווען די אַלע גלידער ליידען איז נאָך ניט פון דעסטוועגען געפעהרליך צו דער ענדע פון לעבען, אָבער די הארץ ווען זי איז שוואַך, דאָס איז גאָר געפעהרליך. מען הויבט אָן באַטראַכ־טען זיך אָפּהיטען פון גייסטליכע שוואַכקייט, דער זאָגט מען זאָל ניט מקנא זיין, דיזער זאָגט מען זאָל באַטראַכטען די ענדע פון יעדער זאַך, רבי אלעזר זאָגט לב טוב, אַ גוטע הארץ, דאָס הייסט דער מענש זאָל זיך שטאַרקען אין אמונה, זיך ניט פאַר־

לאָזען אויף זיין פאַרשטאַנד, דאָס איז דער גרעסטער מעדיצין צו די גייסטליכע שוואַכקייט.

די גוטע האַרץ מיט אמונה, איז דער גרעסטער מעדיצין דער מענש זאָל קאָנען טאָהן מצות און זיך אָפּהיטען פון עבירות.

דוד המלך זאָגט, נשקו בר פן יאנף ותאבדו דרך, כי יבער כמעט אפו, גלויבט מיט אַ קלאָהרע האַרץ צו דיענען דעם באַשעפער, למשל, מען איז געקומען צו איין גביר בעטען פאַר אַ ישיבה אַ נדבה. דער ענטפער איז געווען אַז אַלע זענען ליגנער, ער גלויבט ניט קיינעם און ער וויל ניט גלויבען אין שכר ועונש, ער גלויבט ניט אַז מען וועט באַשטראָפען פאַר אַן עבירה. דער רייכער מאַן רעדט ווייטער, אַז אַלע זענען ליגנער, דען זאָגט ער אפילו זיין קעכין איז אויך נאַר ליגענס איהרע רייד, דען מיט איהרע בלאָפס קאָן זי גאַר ווינציג אויפ־טאָהן, אָבער דאָך זענען אַזוי אַלע מענשען ניט אמת.

ער גיט איהם נאכהער אַ פרעג, ווען די קעכין וואָלט זאָגען אַז עס איז אַריינגעפאַלען גיפט אין די זופּ, צי וואָלט ער דאָס געגעסען? זיין ענטפער איז געווען, טאָמער איז טאַקע אריינ־געפאַלען גיפט?

יעצט באַדאַרף מען באַרעכענען, דער וואָס ער רעדט זיך איין אַז ער איז אַ פריי־דענקער, ניט קיין גלויבער, פילייכט אָבער, עס קאָן דאָך זיין טאָמער וועט מען באַשטראָפט ווערען, פאַר די עבירות, מוז מען דאָך מיט׳ן שכל זיך שרעקען פון צו טאָהן שלעכטעס קעגען דער תורה הקדושה.

די חז״ל זאָגען, לא נבראו רעמים, אלא לפשוט עקמימיות שבלב, די דונערען זענען ניט באַשאַפען געוואָרען, נאַר אוים־צוגלייכען די פאַרקרימונג אין האַרץ.

אַ משולח פון אַ ישיבה האָט געבעטען אַ יונגען מאַן ער זאָל ווערען אַ מעמבער צו דער ישיבה. דער יונגער מאַן פרעגט דעם משולח, וואָס פאַר אַ ביזנעס איז דאָס? ענטפערט ער, די ביזנעס פון יששכר מיט זבולון. דער ישיבה מאן ווערט גע־רעכענט אַלס יששכר, ער לערענט, און דער מעמבער, ווערט גע־רעכנט אַלס זבולון, דער מעמבער נעמט אַ טהייל פון לערנען פאַר דער שטיצע. דער יונגערמאַן ענטפערט דיו לבא מן הדין להיות כנידון. עס הייסט דער מעמבער קאָן ניט זיין בעסער פאַר דעם ישיבה מאַן. דאָס מיינט ער גלויבט ניט אַז דער ישיבה

מאַן אַליין, זאָל האָבען אַ טובה פון זיין לערנען, ער איז אַ פריי-דענקער, איז זיין ענטפער.

געוועהנליך, דער משולח האָט מקיים געווען, ווי דער תנא זאָגט אין אבות, ודע מה שתשיב לאפיקורוס, גערעדט געגען זיין פרייען געדאַנק.

גראַדע איז געווען דיעזער טאָג אַ גרויסע היץ. עס האָט אָנגעהויבען שטאַרק דונערען, דער משולח האָט געמאַכט די ברכה שכוחו וגבורתו מלא עולם. דער פריי-דענקער האָט פון שרעק, עפּעס אויך געשאָקעלט מיט די ליפּען. דער משולח פרעגט איהם, יונגער מאַן, וואָרים אנדערשט ער זיין געדאַנק? ער גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד און ענטפערט שטיל, מיט שרעק, אַ מענש באַדאַרף איבערטראַכטען, טאָמער איז ניט ריכטיג זיין געדאַנק.

ווי עס ווערט געבראַכט אין תלמוד, רשעים מלאים חרטה, די שלעכטע זענען פול מיט חרטה, דאָס איז דער געדאַנק, לא נבראו רעמים, די דונערען זענען ניט באַשאַפען געוואָרען, אלא לפשוט עקמימות שבלב, צוליעב די שרעק פון דונערען, אין דער צייט פון שרעק פאַר שלעכטעס, דאַמאָלסט באַקומט ער דעם שרעק פון פּן יאנף, טאָמער ווערט מען באַשטראָפט.

ווי זאָגט שלמה המלך ע"ה אין קהלת, צו דער ענדע, סוף דבר הכל נשמע את א' ירא, די ענדע זאָגט ער, מוז מען זיך שרעקען פאַר דעם באַשעפער, און מען דאַרף האַלטען די מצות, כי זה כל האדם, דאָס איז דער מענש.

נאָך דעם רעכענונג פון שלמה המלך, דיזער וואָס ער וויל ניט האַלטען פון דער תורה, ווערט ניט גערעכענט פאַר קיין מענש מיט פאַרשטאַנד, ער איז אַראָפּ פון מענשליכען פאַר-שטאַנד. איז ווי מיר האָבען אַרומגערעדט אין אונזער ספר, דער וואָס איז ניט קיין גלויבער, איז ער גערעכענט אַלס אַראָפּגע-פיהרט פון דעם מענשליכען וועג, נאָר דער גליק איז פאַר דעם מענשען, אמונה, גלויבען אין באַשעפער, אין דער תורה, וצדיק באמונתו יחיה. דער גערעכטער, מיט זיין גלויבען, קאָן ער לעבען אָהן פיעל שמערצען.

ובזכות אמונה קאָנען מיר דערלעבען לגאולה שלמה

במהרה בימינו אמן.